בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר דברים

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חליציהם

## פרשת ואתחנן

# א פייער פון ליבשאפט טיף אין יעדן איד

**פרנס השבוע**

**שרה שיידל בת רחל דבורה**
לזיווג הגון בקרוב

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ
**נפתלי שמואל ב"ר מאיר** ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org

Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת ואתחנן
שנה ד׳

# א פייער פון ליבשאפט אין יעדן איד

## תוכן:
חלק א. דער גאנצער מח - חלק ב. דער ערליכער מח - חלק ג. דער זינדיגער מח

# חלק א. דער גאנצער מח

### דער טיפסטער דיאמאנטן גרוב

**וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ** - און איר זאלט ליב האבן דעם באשעפער אייער באשעפער מיט אייער גאנצע הארץ. דאס איז א פסוק וואס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה, וואס מיר זאגן יעדן טאג - עטליכע מאל יעדן טאג - און דערפאר איז כדאי אז מיר זאלן פארשטיין וואס די תורה זאגט אונז דא אן.

אודאי, וועלן מיר יעצט נאר קענען אנרירן דעם אויבערפלאך דערפון, אבער דאס אליין איז א גרויסער פארדינסט ווייל יעדער פסוק אין די תורה איז ווי א דיאמאנטן גרוב, און ווען מ׳גראבט אריין אין אזא וויכטיגער פסוק ווי דאס, דאן וועט מען אפילו אויפ׳ן אויבערפלאך קענען געפינען די גרעסטע דיאמאנטן. איז אלזא וועלן מיר אצינד רעדן איבער דער ענין פון ליב האבן דעם באשעפער מיט׳ן גאנצן הארץ. וואס מיינט דאס? ווי אזוי זענען מיר דאס מקיים?

### א פייערדיגע ליבשאפט

אלזא, ווען מיר רעדן פון די דאזיגע געוואלדיגע נושא, דארפן מיר פארשטיין אז עס זענען פארהאן פארשידענע שטאפלען אין דעם, איינער העכער פון צווייטן. די העכסטע מדריגה ווערט ערקלערט דורכ׳ן רמב״ם אין הלכות תשובה (י:ג): **וְכֵיצַד הִיא הָאַהֲבָה הָרְאוּיָה** - וואס איז דער ריכטיגער סארט ליבשאפט? דאס ווארט ׳הראויה׳ מיינט, ׳די פאסיגסטע׳, די העכסטע מדריגה. **הוּא שֶׁיֹּאהַב אֶת הַשֵּׁם אַהֲבָה גְּדוֹלָה יְתֵרָה עַזָּה מְאֹד** - דאס איז ווען א מענטש האט ליב דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע שטארקע ליבשאפט! עזה מאד! א פייערדיגע ליבשאפט אזוי שטארק, **עַד שֶׁתְּהֵא נַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְּאַהֲבַת ה׳** - ביז זיין זעל איז אנגעקניפט מיט ליבשאפט אין באשעפער.

אלזא, ווי אזוי קען מען זען אויב איינער האט דאס קונה געווען? וואס זענען די צייכנס וואס טוט דאס ארויסווייזן? **וְנִמְצָא שׁוֹגֶה בָּהּ תָּמִיד כְּאִלּוּ חוֹלֶה חֳלִי הָאַהֲבָה** - ער איז אריינגעטון אין דעם ליבשאפט אין אלע צייטן ווי גלייך ער איז קראנק פון ליבשאפט, **שֶׁאֵין דַּעְתּוֹ פְּנוּיָה מֵאַהֲבַת אוֹתָהּ אִשָּׁה וְהוּא שׁוֹגֶה בָּהּ תָּמִיד בֵּין בְּשִׁבְתּוֹ בֵּין בְּקוּמוֹ בֵּין בְּשָׁעָה שֶׁהוּא אוֹכֵל וְשׁוֹתֶה** - ער קען נישט

אפטון פון זיך די וויסנשאפט פון באשעפער; סיי ווען ער זיצט אין זיין הויז אדער ער גייט אין גאס, ווען ער עסט אדער ער טרינקט, איז ער שטענדיג איינגעטונקען אין מחשבות פון באשעפער (שם.).

איך געדענק, אין סלאבאדקער כולל איז געווען אן אדום גדול הרב דוד ראפאפורט. ער פלעגט גיין אין גאס און רעדן צו זיך אין לערנען; ער איז געגאנגען און גערעדט, געגאנגען און גערעדט. אז ער האט זיך אריינגעהאקט אין א טעלעגראף שטאנג האט ער געזאגט, "אנטשולדיגט," און ער האט זיך געריקט אין א זייט און ווייטער פארגעזעצט צו רעדן אין לערנען. ער האט געזאגט "אנטשולדיגט" צו א טעלעגראף שטאנג! ער איז געווען אזוי אריינגעטון אין לערנען אז ער האט נישט געוואוסט אז ער האט זיך אריינגעהאקט אין א שטאנג, ער האט געמיינט ס'איז א מענטש. מ'פלעגט לאכן פון אים, אבער פאר רבי דוד איז עס נישט אנגעגאנגען - ער האט נישט געקענט מסיח דעת זיין פון תורה; ער איז געווען קראנק פון ליבשאפט.

## פאר'שיכור'טע ליבשאפט

און דאס, לויט ווי מיר זעען אין רמב"ם, איז שטענדיג געווען א ביישפיל פון איינער וואס האט ליב דעם באשעפער. די גמרא (שבת פח.) דערציילט א מעשה פון רבא. אין יענע צייטן פלעגט מען זיצן אויף די ערד ווען מ'האט געלערנט תורה, איז ער אזוי געזעסן אויף זיינע פיס און געלערנט. און ער האט געלערנט מיט אזא התלהבות אז ער האט זיך געהויבן ארויף און אראפ און נישט באמערקט אז ער דריקט אויף זיין קליין פינגערל. בשעת ער האט אזוי אונטערגעשפרונגען האט ער יעדעס מאל געדריקט אויפ'ן פינגער און עס האט ארויסגעשפריצט בלוט. און ער האט דאס נישט געפילט, ווייל ער האט געהאט אזא התלהבות, אזא פארפלאמטע עקסטאז פון ליבשאפט צו דעם באשעפער'ס תורה, אז ער האט נישט געשפירט זיין ווייטאג.

און דאס ווערט דערמאנט אין די גמרא אלס א ביישפיל פון **בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד** - ער איז געווען אזוי אריינגעטון אין ליבשאפט צום באשעפער דורך זיין תורה אז ער האט נישט געוואוסט וואס טוט זיך מיט אים. און דאס איז אלעמאל געווען דער פארבילד פאר אידישע קינדער צו וואס מיר שטרעבן - אן אהבת ה' פון שיכרות; צו זיין אנגעטרונקען מיט ליבשאפט צום באשעפער.

## א ציל פאר יעדן

און דער רמב"ם זאגט אונז אז עס איז נישט קיין מידת חסידות, א פריוויליגער וועג פון שטייגן אין עבודת ה'. עס שטייט נישט אין פסוק, "אויב ווילסטו זיין א חסיד דאן זאלסטו ליב האבן דעם באשעפער מיט דיין גאנצע הארץ." אה ניין! דער געוואלדיגער ענין, די אויסערגעוועהנליכע באהעפטונג צום באשעפער, איז א באפעל אויף אלע פון אונז - מענער און פרויען, אינגלעך און מיידלעך צוגלייך.

און דערפאר דארפן מיר כאטש שטרעבן דערצו - "אפשר איין טאג וועל איך אנקומען צו דעם און איך וועל ליב האבן דעם באשעפער בכל לבבי, מיט מיין גאנצע הארץ." אלזא, דאס איז א שטרעבונג! צו קונה זיין א הארץ וואס האט ליב דעם באשעפער! צי דו שפירסט עס אדער נישט, כאטש זאל דאס זיין א בילד פאר דיינע אויגן; דער גרויסער בארג אויף וואס דו האפסט איין טאג ארויפצוקריכן - און דארט אויפ'ן שפיץ איז דער געוואלדיגער הויכפונקט, די גרעסטע שאיפה פון **וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ**, צו זיין ליבע-קראנק איבער דעם באשעפער און זיין שטענדיג פארזונקען אין מחשבות איבער אים.

## הארץ און מח

אצינד, איידער מיר גייען ווייטער ווען מיר טייטשן דאס ווארט לְבָבְךָ כדי עס זאלן נישט זיין קיין מיספארשטענדענישן איבער דעם באדייט. אין די ספרים הקדושים, ווען מ'וויל אויסדריקן מחשבה, זאגט מען אלעמאל דאס הארץ. מען זאגט קיינמאל נישט דער מח. מ'זאגט נישט דעם קאפ. אין די תורה שפראך ווערן אלע געדאנקען פארבונדן מיט דאס הארץ.

למעשה, פארוואס דאס איז אזוי איז נישט שווער צו פארשטיין. דאס איז דערפאר ווייל דער מח האט נישט די רעאקציעס פון די געפילן - ס'איז בלויז א מאטעמאטישער מאשין, א רעכן מאשינדל. אבער ווען מיר ווילן ליב האבן דעם באשעפער ווילן מיר נישט עס זאל זיין מיט קאלטע לאגיק. אודאי מיינט עס אויך לאגיק אבער די קאלטע לאגיק פונעם מח מוז ווערן אריבערגעפירט צו א ווארעמע שטויסקראפט כדי עס זאל האבן עפעס א ממשות אין לעבן.

איר ווייסט דערפון אז היינט ווען א מענטש זאגט ארויס עפעס איז דא א מאשין וואס קען אויפכאפן זיין אויפריכטיגקייט, זיין אמת'דיגקייט. דער ליגנט אויפכאפער מאשין וועט וויזן ווי אזוי זיין פולס רעאגירט בשעת ער זאגט זיינע ווערטער. דערפון זעען מיר אז אפילו ווען א מענטש זאגט א זאך וואס ער האט זיך לאגיש פארגעגרייט מיט זיין שכל, דאך וועט זיין הארץ קלאפעניש רעאגירן דערצו אין א געוויסן וועג און ער קען דאס נישט באהאלטן.

## קאלטע רעטאריק

אויב א מענטש איז א קאלטער פילאזאף, א פאסיווער מענטש וואס קען דרש'נען געוואלדיגע אויסגעדראשענע זאכן, איידעלע זאצן וואס זענען ווייט פון זיינע אייגענע געפילן; פון אזעלכע מענטשן רעדט נישט די תורה שפראך.

נאר א מענטש וואס באלעבט זיינע אידעאלן איז געשעצט. דערפאר זענען אלע גרויסע לייט פון אונזער היסטאריע געווען געשעצט נאר צוליב דעם וואס זיי האבן אויסגעפירט זייערע השקפות. פאר אויסארבעטן רעטאריק, גלאטע און אויסגעפוצטע פראזן, געבט קיינער נישט קיין כבוד. אפילו יוסיפון, כאטש ער איז געווען א מענטש מיט געפוצטע פראזן און א מייסטער אין גריכישע רעטאריק, שרייבט ער אז צווישן אונז געבט מען נישט קיין כבוד פאר רעדנערס און שרייבערס, בלויז פאר מענטשן מיט גוטע מידות און חכמה (קדמוניות היהודים יח, א:ג).

איז אלזא, דאס איז דער פשטות פון דעם פסוק; צו ליב האבן דעם באשעפער מיינט אז דו זאלסט ניצן דיינע אלע מחשבות אים צו ליב האבן - אבער דאס דארפן זיין מחשבות וואס זענען אונטערגעשטיצט מיט א הארץ קלאפעניש; דאס איז קאנצענטרירטע און ענערגישע מחשבה אונטערגעשטיצט דורך איבערצייגונג און געפילן.

## מער ווי בלויז געזעצן

אלזא, דאס קען אויסזען ווי אן עקסטרעמער באפעל. מיר ווילן זיין געטרייע אידן דורך אויספירן געוויסע פארשריפטן; דורך טון אלעס און לעבן מיט א כשר'ע, אנשטענדיגער אידישער מהות. אבער אצינד הייבן מיר אן צו פארשטיין אז ווען מיר רעדן פון זיין א איד, מיינט עס נישט בלויז צו זיין א איד מיט דיינע הענט און פיס. אודאי דארפסטו האבן אידישע הענט. דו מוזט אנטון תפילין. זיכער דארפסטו האבן אידישע פיס. דו מוזט גיין אין שול. דו מוזט גיין צו כשר'ע ערטער. **אִם תָּשִׁיב מִשַּׁבָּת רַגְלֶךָ**; דו מוזט צוריקדרייען דיינע פיס אום שבת (ישעיהו נח:יג); שבת גייט מען נישט.

דו מוזט האבן אלעס אידיש, אפילו אידישע אויגן. דו מעגסט נאר קוקן אויף כשר'ע זאכן. דו מוזט האבן א אידישער מאגן און א אידישע מויל. נישטא קיין ספק אין דעם. דו קענסט נישט רעדן פון זאכן וואס א אידישע מויל זאגט נישט ארויס. א איד קען נישט ארויסרעדן קיין אומאיידעלע רייד. ניבול פה, א שמוציגע שפראך, איז זייער א גרויסע זינד ביי אידן.

אבער איבער די אלע זאכן וואס דו מוזט האבן, מער ווי א אידישע מויל און אידישע הענט און אידישע פיס, מוזטו אויך האבן א אידישער קאפ. דאס איז וואס מאכט א איד - א אידישער קאפ - א קאפ אנגעפילט מיט גוטע געדאנקען. פון אלע זאכן וואס ווערן געפאדערט, איז וואס עס רעכנט זיך די מערסטע איז בכל לבבך, דער אידישער קאפ.

## הדרכה פון חז"ל

דאס איז צו א גרויסע עבודה? גוט, ס'איז אזוי ווי אלע זאכן - ווי מער מ'לייגט אריין, אלץ מער נעמט מען ארויס. ס'איז אזוי ווי פארדינען געלט; עס ווענדט זיך וויפיל צייט דו ווילסט אוועקגעבן דערפאר. דו ווילסט ארבעטן דריי שעה א טאג? אפשר וועסטו מאכן וויינציגער געלט. אויב ווילסטו טון אלעס פאר געלט, דאן געבסטו אוועק מער ווי אכט שעה א טאג דערפאר און אין מערסטנס פעלער ווער מען פארדינען מער געלט. דער וואס וויל מצליח זיין אין זיין אויפגאבע פון ליב האבן דעם באשעפער דארף וויסן אז ווי מער מחשבה ער וועט אוועקגעבן פאר דעם ענין, אלץ גרעסער וועט ער ווערן.

אלזא, די שאלה פאר אונז אלע - איך רעד אויך צו מיר אליין - איז, וואס טוען מיר איבער דעם? בלויז צו זאגן, "האב ליב דעם באשעפער"?!, מיר דארפן מער ווי דאס. ווי אזוי הייבן מיר אן ארויפצוקריכן אויף דעם בארג?

אלזא, גייען מיר צוריק צו די רייד אין די תורה און מיר וועלן זען אז אונזערע חז"ל האבן שוין אויסגעטראטן פאר אונז דעם וועג ארויף אויף דעם בארג אין דעם פסוק אליין. מיר קוקן אויף די ווערטער **וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ** און מיר באמערקן עפעס אינטערעסאנט: פארוואס שטייט נישט **בְּכָל לִבְּךָ** - מיט איין ב'? פארוואס שטייט **לְבָבְךָ**?

## צוויי יסודות

דאס איז א גוטע שאלה, ווייל אלעס וואס מיר האבן געזאגט ביז אהער ווערט אריינגערעכט אין די ווערטער **בְּכָל לִבְּךָ**. דאס וואלט געווען גענוג - מיר וואלטן פארשטאנען אז מיר דארפן שטעלן אונזער ציל צו ליב האבן דעם באשעפער מיט אונזער גאנצער מח אין א וועג וואס ווערט אונטערגעשטיצט דורך געפיל. אבער אנשטאט איין ב', שטייט צוויי.

אלזא, מיר ווייסן אז אין די תורה ווען א ווארט אדער אות ווערט איבערגע'חזר'ט איז עס מיט'ן ציל צו באטאנען - עס קומט אונז זאגן עפעס מער.

לערנען אונז די חז"ל אז דער דאפלטער ב' פארשטארקט דעם באדייט פון דאס ווארט - אנשטאט צו ליב האבן דעם באשעפער מיט איין הארץ, האב אים ליב מיט צוויי הערצער. און די חז"ל ערקלערן עס אזוי: דו זאלסט זיך איינגעוואוינען צו ליב האבן דעם באשעפער **בִּשְׁנֵי יְצָרֶיךָ**, מיט דיינע ביידע נייגונגען, **בְּיֵצֶר הַטּוֹב וּבְיֵצֶר הָרַע**, מיט דיין גוטע נייגונג, דאס איז דער יצר הטוב און מיט דיין אנדערע נייגונג, דאס איז דער יצר הרע. דאס איז וואס די צוויי ב' לערנען אונז.

דאס איז שוין א וועג אויף וואס צו אנהייבן ארויפצוקריכן דעם בארג! אנשטאט בלויז צו

פאנטאזירן אז איין טאג, אפשר אין דער ווייטער צוקומפט, וועסטו אויספירן די מצוה פון ליב האבן דעם באשעפער, געבן אונז די חז"ל א וועג פאראויס אויף וועלכן אלע פון אונז קענען אנהייבן צו שפאנען שוין היינט. און אזוי, אויב וועלן מיר דורכלערנען דעם גאנג פון ניצן אונזערע צוויי גרויסע אגענטן, דער יצר הטוב און דער יצר הרע, וועלן מיר אנהייבן ארויפצוקריכן דעם בארג פון אהבת ה'.

# חלק ב. דער ערליכער מח

## דער נישט דערמאנטער יצר

אצינד וועלן מיר אנהייבן מיט דעם יצר הטוב, די גוטע נייגונג. וואס איז דער יצר טוב? דאס איז א שאלה וואס מיר מוזן פארענטפערן ווייל אויב מיר זענען באפוילן געווארן צו ליב האבן דעם באשעפער מיט די גוטע נייגונג, דארפן מיר וויסן וואס דאס איז איידער מיר קענען עס ניצן. און דאס איז א פראבלעם, ווייל דער יצר טוב ווערט קיינמאל נישט דערמאנט.

אפילו אויב וועט איר גיין צו פלעצער וואו מ'רעדט פון די זאכן, איר וועט אויסהערן רבנים רעדן - איז עס אלעמאל דער יצר הרע וואס ווערט דערמאנט. אפשר איז עס נישט אין די מאדע היינט צו רעדן אויך פון אים, אבער אויב עפעס איז ער דער וואס ווערט דערמאנט.

דער אמת איז אז די רבנים זענען נישט שולדיג ווייל דער יצר טוב ווערט אין ערגעץ נישט דערמאנט. אין אונזערע ספרים ווערט דער יצר הרע אפט אויפגעשפילט - פיל מעשיות ווערן דערציילט וואו ער באווייזט זיך אין פארעם פון א פערזענליכקייט ווי דער שטן, ווי א מלאך וואס רעדט צו מענטשן כדי זיי צו פארנארן צו עובר זיין עבירות. אין דעם ספר איוב ווערט דערציילט ווי אזוי דער שטן האט זיך באוויזן צו רעדן קעגן איוב. אין גמרא טרעפן מיר פיל אזעלכע ערציילונגען וואו דער יצר הרע ווערט געשילדערט אלס א פערזענליכקייט און א רעדנער.

אבער עס איז אינטערעסאנט אז מיר טרעפן נישט אז דער יצר טוב זאל רעדן צו איינעם; דער יצר טוב ווערט קיינמאל נישט געשילדערט - ער ווערט קיינמאל נישט אויפגעשפילט. מיר דארפן דאס פארשטיין. אט איז א יצר הרע, איז זעט אויס ווי דער יצר טוב איז אויפ'ן צווייטן זייט, א קעגנער, אבער אייגנטליך ווערט עס נישט פארגעשטעלט אזוי. דער יצר טוב ווערט קיינמאל נישט באשריבן. וואס איז דאס?

## די חכמה פון אינעווייניג

און דער ענטפער איז, אז דער יצר טוב איז א געהיימער קוואליטעט וואס מיר פארמאגן אין אונז. דאס איז דער קוואליטעט פון חכמה, א געוואלדיגע איינגעבוירענע חכמה וואס קומט פון אינעווייניג - אן איינגעבוירענע חכמה וואס שטאמט פון דער מענטשליכער מח. דאס איז דער יצר הטוב!

שלמה המלך ערקלערט עס (משלי כ:ה) אזוי: **מַיִם עֲמֻקִּים עֵצָה בְלֶב אִישׁ** - חכמה איז א טיפער קוואל אין א מענטש'ס מח. **עֲמֻקִּים** מיינט אז עס איז זייער, זייער טיף; אייגנטליך, ענדלאז. פון וואו האט דער מענטש באקומען דער ענדלאזער קוואל פון פארשטאנד?

מיר ווייסן אז ווען דער באשעפער האט באשאפן דעם מענטש, האט ער אים נישט געמאכט אזוי ווי ער האט געמאכט אלע אנדערע באשעפענישן, דורך א באפעל - עס שטייט, "ער האט אריינגעאטעמט אינעם מענטש דער אטעם פון לעבן." למעשה, פארוואס האט דער באשעפער געדארפט אריינאטעמען אינעם מענטש? וואס איז שלעכט מיט בלויז באפעלן אז דער מענטש זאל

באשאפן ווערן פונקט ווי ער האט באפוילן אז די מאלפעס זאלן באשאפן ווערן?

דער רמב"ם ערקלערט דעם פסוק, **כִּי הַשֵּׁם יִתֵּן חָכְמָה מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה** - פון דעם באשעפער'ס מויל קומט די חכמה, דעת, ותבונה; אלע אופנים פון פארשטאנד זענען אריינגעאטעמט געווארן אינעם מענטש דורך דעם באשעפער. **מַאן דְּנָפַח מִדִּילֵהּ נָפַח** - ווען דו אטעמסט אריין אין איינעם, אטעמסטו אריין פון זיך, און אזוי כביכול, ווען דער באשעפער האט אריינגעאטעמט אינעם מענטש, האט ער אריינגעלייגט אין אים די געטליכע חכמה. ס'איז דארט, טיף אינעווייניג, ווי א טיפער אויל ברונעם און עס ווארט אויף דעם מזל'דיגן מענטש וואס וועט קומען און טרעפן דעם וועג ווי עס זאל ארויסקווועלן. **מַיִם עֲמֻקִּים** - ס'איז טיפע וואסערן, **וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה** - און דער מענטש מיט פארשטאנד טוט עס ארויסשעפן (שם).

## אויפדעקן דעם יצר טוב

אלזא, דאס איז די תורה לערנונג וואס ווערט היינט פארזען אין די דרויסנדיגע וועלט ווייל זיי באטראכטן א מענטש ווי א חי', און א חי' פארמאגט נישט קיין אינערליכע חכמה אויסער זיינע אינסטינקטן. און דערפאר, מער ווי סיי ווען פריער, איז עס וויכטיג צו צוריקקומען צו דעם געוואלדיגן יסוד פון **מַיִם עֲמֻקִּים עֵצָה בְלֶב אִישׁ**, אז יעדער מענטש איז א קוואל, א טיפער קוואל פון חכמה. עס איז נאר אז מיר דארפן עס ארויסברענגען. דו דארפסט אראפלאזן אן אמפער אין דיין מח און ארויסשעפן די דאזיגע חכמה פון דעם יצר טוב, די שלימות פון קונה זיין אהבת ה', וואס ליגט באהאלטן טיף אינעווייניג.

ווי אזוי לאזט מען אראפ אן אמפער און מ'שעפט ארויס פון די טיפקייט פון די גרויסקייט וואס ליגט אינעווייניג אין דיר? דורך טראכטן. טראכטן! צו ליב האבן דעם באשעפער מיט דעם יצר טוב מיינט צו אנווענדן אלע דיינע מעגליכקייטן און ארויסשעפן פון די טיפענישן פון דיין נאטורליכע חכמה די אלע מחשבות וואס וועלן דיר העלפן ליב האבן דעם באשעפער.

## געזונטע ליבשאפט

לאמיר זאגן, א מענטש נעמט זיך די מי אריינצוטראכטן אין די מתנות וואס דער באשעפער האט אים געגעבן. צום ביישפיל, דו ביסט נישט געבוירן געווארן טויב אדער דו ביסט נישט געבוירן געווארן שטום; דו קענסט רעדן. אין די צייט וואס דו קוקסט זיך ארום און דו זעסט אז עס זענען פארהאן אזויפיל מענטשן וואס דארפן רעדן מיט זייערע הענט און אזויפיל וועלכע קענען נישט הערן. געוויסע מענטשן ווערן געבוירן מיט האר-אויפטרייסלנדע פעלערס וואס עס מאכט זיי אומבאקוועם זיך צו באווייזן אינדרויסן; געוויסע מענטשן בלייבן אין שטוב אלעמאל, זיי שעמען זיך מיט זייערע פלעקן. און דו ביסט א געוועגליכע מענטש אן די אלע פעלערס.

למעשה, מערסטנס מענטשן האבן קיינמאל נישט געשפירט קיין ליבשאפט צום באשעפער איבער דעם. אודאי נישט, ווייל זיי האבן קיינמאל נישט געטראכט פון ארויסשעפן די חכמה פון זייערע מוחות. אבער אויב וועסטו אריינקוקן אין די טיפענישן פון דיין הארץ און אנהייבן צו באטראכטן ווי גליקליך דו ביסט, וועסטו האבן א פארפלייצונג; דו וועסט עפענען א קוואל פון הכרת הטוב און דו וועסט אנהייבן צו ליב האבן דעם באשעפער מיט א זייער טיפער פאטאס; פאר'ן דיר ראטעווען, פאר'ן דיר אפשוינען פון די אלע צרות וואס פיל מענטשן אויף די וועלט מאכן מיט.

אויב א מענטש וועט לעבן אויף דעם וועג און טראכטן, 'וויפיל מענטשן האבן נישט דאס וואס איך פארמאג! א געוועגליכער קערפער!' דו האסט נישט קיין פגם; דו האסט נישט א גרויסער פעלער

אויף דיין פנים, דו ביסט נישט פארקריפלט מיט קיין אבר. דאס איז א מערקווירדיגער זאך; עס זענען דא אזויפיל פלעצער וואו עס וואלט חס ושלום געקענט געשען. דער פאקט איז, אפילו אויבערפלעכליך זענען דא הונדערטער פונקטן וואו עס וואלטן געקענט זיין א פגם. און אינעווייניג, זענען דא טויזנטער אויף טויזנטער מעגליכקייטן חס ושלום. א פעלונג פון א מינומאלע קערפער פליסיגקייט איז גענוג צו טוישן א מענטש'ס נאטור וואס זאל האבן א גרויסע השפעה אויף זיין לעבן.

איז ווען א מענטש טראכט פון די זאכן פון וואס ער איז אפגעשוינט געווארן, פלייצט ארויס פון די טיפענישן פון זיין הארץ א זייער געוואלדיגע ליבשאפט צום באשעפער. עס איז אבער נישט גענוג בלויז צו טראכטן, פראביר עס צו זאגן, "איך האב דיר ליב באשעפער פאר מיר מאכן נארמאל, פאר מיר מאכן געזונט." און דו טראכסט אריין דערין און צוביסלעך, צוביסלעך הייבט אן צו פליסן א קוואל, און עס ווערט פארוואנדלט אין א טייך, א טייך פון ליבשאפט צום באשעפער. און דאס מיינט צו ליב האבן דעם באשעפער מיט דעם יצר הטוב, מיט דעם שכל.

## זייער א גוטע וועלט

און נישט נאר צוליב דעם, צוליב אונזער געזונט, האבן מיר ליב דעם באשעפער. איינמאל דו כאפסט די זאך דערפון וועסטו אנהייבן ליב צו האבן דעם באשעפער פאר אלעס, ווייל אלעס וואס ער געבט אונז איז אזוי גוט. איר ווייסט ווי אזוי איך ווייס דאס? אין אנהייב פון די תורה שטייט, **וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד** - דער באשעפער האט געזען אלעס וואס ער האט געמאכט און אט, עס איז זייער גוט. דאס איז אן אינטערעסאנטע זאך! פארוואס דארף מען אונז דערציילן אז עס איז געווען זייער גוט? צי טראכט איר אז דער באשעפער האט געדארפט געבן א בליק צו זען אויב ער באשטעטיגט וואס ער האט באשאפן? אויב ער האט עס געמאכט, איז עס אודאי גוט.

דער ענטפער איז, דער פסוק זאגט אונז דאס ווייל מערסטנס מענטשן טראכטן נישט אזוי. גייט אצינד צו די וועלט און זאגט זיי אז אלעס איז זייער גוט. זיי קרעכצן אויף אלעם. דער נישט טראכטנדער מאסן זענען אומצופרידענע מענטשן; זיי האבן אלעמאל טענות - "ס'איז רעגנדיג,"


לכבוד אלע טייערע לומדי תורת אביגדור אידיש שיחי'

מקרב הלב וויל מיר זיך באדאנקן פאר אלע חשובע מזכי הרבים וואס האבן גערופן און זיך משתתף געווען מיט נדבות צו קענען אנגיין בעבודת הקודש, בנוסף צו שטארקע דברי חיזוק פון אסאך אידן הנהנים מידי שבוע בשבוע.

**דאס טוט אונז ערמעגליכן אייך פארצולייגן תורת אביגדור לחודש תמוז**

**מיט א בקשה אויף ווייטער ביטע רופט צו מנדב זיין מיר זאלן קענען ממשיך זיין בהפצה לאור עולם די גליונות ל'חודש אב' הבעל"ט, לשם ולתפארת.**

מיט דאנק

משה הורוויץ

director@torasavigdor.org - 347-451-0332

"ס'איז צו הייס," "ס'איז צו קאלט." אויב הערסטו אויס מענטשן אין גאס וועסטו נישט וויסן אז ס'איז א 'טוב מאד' וועלט. און דערפאר זאגט אונז די תורה וואס דער באשעפער האלט איבער די וועלט וואס ער האט געמאכט; ער האט געגעבן זיין פסק - אלעס וואס ער האט באשאפן איז זייער גוט! ס'איז א גאר גוטע וועלט; ס'איז פול מיט גליק.

## פרייד פון היץ

א מענטש קומט אהיים און ער דארף אדורכגיין דעם קיך צו אנקומען צו א צווייטן צימער און דער אויוון איז אנגעצונדן; "ס'איז הייס!" זאגט ער פאר זיין ווייב, "וואס? אין אזא הייסער וועטער קאכסטו?" ענטפערט זי, "יא, טייערע. איך גיי עס שוין אויסלעשן." זי לעשט עס אויס און ווען ער קומט דערנאך צוריק אריין אין פון ביה"כ פרעגט ער, "דער נאכטמאל איז גרייט?" ענטפערט זי, "ניין."

דאס גלייכן, אין אלול קומען ארויס אלע רייפע רויטע עפל ביי די פרוכט געשעפטן. ווי אזוי ווערט אן עפל רויט און זאפטיג און זיס? דאס איז נאר ווייל דער באשעפער האט אנגעצונדן דעם אויוון. דער זומער איז דער קיך וואס מאכט רייף די געשמאקע פרוכט וואס מיר גייען עסן דורכאויס דעם גאנצן ווינטער. און דערפאר, צי וועלן מיר זיך דען אפרעדן צוליב די גוטע צייטן וואס ערוואַרטן אונז? זומער איז די צייט ווען אונזער גאנצע הנאה פאר דעם קומענדיגן יאר ווערט אנגעגרייט.

אלזא, דאס איז בלויז איין פרט פון די היץ. דער אמת אז עס איז דא אזויפיל מער דערצו; מענטשן וואס ליידן פון ווייטאגן אין די געלענקן (arthritis), זענען זיך מחי' אין דער זומער ווייל די זון באקט אויף זייערע ווייעדיגע ביינער און עס באקט ארויס די ווייטאג דערפון. אין דער ווינטער, טראכטן זיי צוריק פון די גוטע אלטע צייטן וואס איז געווען אין דעם פארגאנגענעם זומער ווען די זון האט זיי געמאכט שפירן באקוועם. יעצט דארפן זיי נעמען אספירין צו בארואיגן די ווייטאגן אנשטאט די זון.

און אזוי זענען דא נאך פיל פארגוטיגונגען. אונזער וויסנשאפט אין מעדיצין היינט, כאטש עס האט געמאכט גרויס פארשריט אין די לעצטע פינף און זיבעציג יאר, איז דאס אבער גארנישט צו וואס מ'וועט וויסן אין די קומענדיגע פינף און זיבעציג יאר. און אזוי וועלן מענטשן איין טאג אנערקענען אז דער ווינטער איז גוט פאר אונז און אז דער זומער איז גוט פאר אונז, און יעדער סעזאן ברענגט זיינע אייגנארטיגע ברכות.

## וואונדערבארע וואסער

אלזא, די ווערטער דרינגען נישט אריין אין די אויערן ווען מ'הערט דאס. ס'קען זיין אז איר שאקלט צו מיט הסכמה אבער אייגנטליך זענט איר נאכנישט איבערצייגט. און דאס איז ווייל מיר זענען נישט קיין טראכטערס! בכל לבבך מיינט אז דער באשעפער וויל מיר זאלן טראכטן! איינע פון די וויכטיגסטע וועגן פון ארויסשעפן פולע עמערס פון אהבת ה' איז צו טראכטן איבער די וועלט, צו נעמען אין אכט דעם פאקט אז די וועלט איז אנגעפאקט מיט געשמאקע און אנגענעמע זאכן.

עס זענען דא אזויפיל זאכן אין די וועלט. איר האט וואסער צו טרינקען; דער געוואלדיגער וואונדער מעדיצין פון לעבן. עס איז ריין פון אלע שמוץ וואס מ'לייגט אריין אין סאדע וואסער; די שמוץ און פארב. לויטערע וואסער! דאס איז לעבנסקראפט. דאס איז גורם אונזערע אויגן צו שיינען. עס מאכט אונזערע געלענקען רירעוודיג. עס געבט דיר פינף און זעכציג פראצענט צו דיין קערפער'ס וואג. עס העלפט דיר זיך אפקילן אין דער זומער ווייל ווען דו שוויצסט און די וואסער גייט ארויס, קילט עס דיר אפ. עס מאכט דאס בלוט דורכפליסן די בלוט אדערן; אנדערש וועט דאס בלוט ווערן פארגליווערט און דיק. וואסער, דאס איז דאס לעבן אליין! וואסער איז א וויכטיגער באשטאנדטייל

אינעם פראצעדור פון מאכן קראכמילן ווען די זון שיינט אויף די קלאראפיל. וואסער געפינט זיך איבעראל.

אלזא, ווען איר פארשטייט אז אלעס וואס דער באשעפער האט געמאכט איז זייער גוט, די וועלט איז פול מיט גוטע זאכן, דאן הייבט איר אן צו קוקן אויף די וועלט מיט אן אנדערן בליק און איר וועט אנהייבן ליב צו האבן דעם באשעפער צוליב די וואסער. איר ווען אנהייבן ליב צו האבן דעם באשעפער פאר די עסנווארג. איר וועט אנהייבן ליב צו האבן דעם באשעפער צוליב אייערע קליידונג.

דער אמת איז אז מיר דארפן אלעס ליב האבן ווייל דער באשעפער האט דאס אלעס געגעבן אלס מתנות; עס איז אלעס באמת גוט. און איינמאל א מענטש נעמט דאס אריין אין זיין קאפ; וועט דער לימוד פון די תורה איבערטוישן זיין לעבן צו איין לאנגער געזאנג פון דאנק און לויב און שמחה. עס איז נישטא קיין ענדע צו די משמעות פון די ריזיגע לערע! קיין ענדע צו די ליבשאפט צום באשעפער וואס מיר קענען ארויסשעפן פון אינעווייניג אין אונז דורך דעם יצר טוב.

# חלק ג. דער זינדיגער מח

## ליב האבן דורך צעברעכן

אצינד, איידער מיר ענדיגן צו די נושא וועלן מיר פראבירן אפיר צו נעמען דעם צווייטן ב׳ פון דאסווארט לְבָבְךָ - דאס איז דער ענין פון ליב האבן דעם באשעפער מיט דיין יצר הרע. אודאי, גלייך ערוועקט זיך די שאלה, ווי אזוי איז דאס מעגליך? וואס מיינט דאס, ליב צו האבן דעם באשעפער מיט די שלעכטע נייגונג?

עס זענען פאהאן עטליכע פירושים דערויף און זיי זענען אלע ריכטיג אבער מיר וועלן אנהייבן מיט איינע פון זיי, עפעס וואס איז פראקטיש פאר אלע פון אונז.

אט איז א פרוי וואס האט א בייזן כאראקטער; זי איז א שווערע פרוי און ווייל זי האט נישט אויסגעארבעט איר יצר הרע פאר יארן האט זי א געוואוינהייט צו דערנידערן איר מאן מיט דערנידערונגס ווערטער. און זי שפירט ווי זי קען זיך נישט אפהאלטן; דער יצר הרע האט דעם פולן קאנטראל איבער איר.

איז דארף זי טראכטן, ׳טו איך ערפילן מיין פליכט פון ליב האבן דעם באשעפער מיט מיין גאנצע הארץ? איך זאג די ווערטער יעדן טאג, אבער איך פראביר בכלל?׳ און דאן לאזט זי זיך ארויס אויף א פראיעקט. ׳איך גיי זיך ארייניטון אין ליב האבן דעם באשעפער דורך פראבירן צו צעברעכן מיין יצר הרע; דורך צעברעכן מיינע שלעכטע מידות.׳

## א תקופה פון גוטסקייט

ווי אזוי טוט מען דאס? מ׳דארף זיך אליין באטראכטן: ׳ווען איז די צייט ווען עס פאסירט די מערסטע אז איך לאז מיין צונג גיין פריי?׳ לאמיר זאגן זי ווייסט אז ווען איר מאן קומט אהיים פון די ארבעט און זי איז מיד און אויסגעשעפט פון זיין א גאנצן טאג מיט די קינדער, דאן לאזט זי זיך צומאל לויז מיט שטעכערייען קעגן אים. אלזא, מאכט זי א פלאן; ׳ווען מיין מאן קומט היינט אהיים, וועל איך ארויסווייזן מיין ליבשאפט צום באשעפער דורך קאנטראלירן מיין יצר הרע; איך ווער איינגאנצן איבערגענומען פאר׳ן באשעפער!׳

און יעצט איז זי אנגעגרייט. בשעת זי הערט אים אויפשפארן די טיר, שטארקט זי זיך און זאגט,

'איך מאך א שבועה אז פאר די קומענדיגע פופצן מינוט, וועל איך נישט זאגן קיין איין נישט שיינע זאך.' זי זאל שווערן! פופצן מינוט קען מען ריזיקירן. און דורכאויס די פופצן מינוט, איז זי צוקער און האניג, מיט די שענסטע באנעמונג. דאס איז א פערטל שעה פון ליב האבן דעם באשעפער! מאכט דאס נישט אוועק - ס'איז א געוואלדיגע דערגרייכונג!

## טרעניר זיך אליין

אדער אויב דער מאן איז אזא סארט וואס קומט אהיים פארביטערט פון זיין ארבעט און געבט עס אויס אויף זיין ווייב, "פארוואס איז די הויז נישט אויפגערוימט," אדער "פארוואס איז די נאכטמאל נישט גרייט," אדער עפעס אנדערש. דארף ער זיך אויך אונטערנעמען א פראיעקט פון ליב האבן דעם באשעפער דורך זיין יצר הרע. די שלעכטע נייגונג פון אויפרעגונג און גאוה און אומצופרידנקייט וועט זיין זיין לייטער ארויפצוקלעטערן אויף די טרעפ פון אהבת ה'. 'פון גרויס ליבשאפט צום באשעפער, וועל איך טון איינע פון די שווערסטע זאכן וואס א מענטש קען טון אויף די וועלט - איך וועל צעברעכן מיינע שלעכטע מידות.'

בשעת ער דרייט די קלאמקע פון טיר, זאל ער זיך אפשטעלן א מינוט און זאגן צו זיך, "איך נעם אויף זיך אין די קומענדיגע האלבע שעה זיך צו האלטן שטיל. נישט קיין חילוק וואס מיין ווייב וועט זאגן, וועל איך גארנישט צוריקענטפערן נישט שיין. אויב איך קען נישט זאגן עפעס שיין, וועל איך האלטן מיין מויל פארמאכט." פאר א האלבע שעה.

אודאי נאך א האלבע שעה וועט ער עס לאזן לויפן! אבער דאס איז א גוטער אנהייב, ווייל פאר א האלבע שעה האט ער ליב געהאט דעם באשעפער מיט זיין יצר הרע. נאך אלעם, אפשר אין די קומענדיגע וואך וועט ער עס פארלענגערן צו א שעה; ער קען צולייגן אויף די פרי-מארגנס. ס'איז א גוטע עצה, דרך אגב, צו ליב האבן דעם באשעפער אויך אינדערפרי. אודאי איז שבת גאר שווער! מ'איז אינדערהיים שבת א גאנצן טאג מיט די ווייב - אלזא, דאס איז א גרויסער פראיעקט! אבער דו קענסט עס באווייזן; שטייטליך אבער פארזיכערט קענסטו זיך טרענירן דערצו.

## געלעגנהייטן פאר ליבשאפט

אלזא, איך רעד פון מאן און ווייב ווייל דאס איז די אפטסטע געלעגנהייט צו אויסדריקן דיין ליבשאפט צום באשעפער דורך צעברעכן דיינע שלעכטע מידות. אבער דאס גייט אן פאר יעדן. יעדער וואס מיינט עס ערנסט קען טרעפן פיל געלעגנהייטן צו איבערקומען זיינע שלעכטע מידות.

טייל מענטשן קומען זיך נישט אויס מיט זייערע שכנים. אנדערע מענטשן האבן רייבערייען מיט משפחה מיטגלידער; זיי האבן נישט ליב זייערע קרובים - געוויסע האבן אפילו נישט ליב זייערע טאטעס און מאמעס. אפשר איז שווער מיט די שוויגער - זי וועט זאגן אז דו ביסט די שווערע. דיינע קאלעגן ביי די ארבעט אדער דיינע חברים אין כולל. די אלע פארבינדונגען מיט מענטשן זענען געלעגנהייטן צו ארויסגיין אין א שלאכט קעגן דעם יצר הרע צוליב אונזער ליבשאפט צום באשעפער.

און דרך אגב, צוביסלעך, צוביסלעך וועסטו אויך טוישן דיין נאטור. ווער נישט אנטמוטיגט; אויב מען הייבט דאס אן צו פראקטיצירן, איז מערקווירדיג ווי אנדערש מענטשן קענען ווערן ווען זיי נעמען ערנסט דעם פראיעקט. דורכאויס די יארן וועסטו ווערן עפעס אינגאנצן אנדערש; דו וועסט נישט זיין צום דערקענען. און דו וועסט אויך זיין פרייליכער! אבער מער פון אלעם איז די סיבה צוליב וועלכן דו טוסט דאס. ווען דו ביסט אריינגעטון אין דעם שלאכט קעגן דעם יצר הרע צוליב די

ליבשאפט צו דיין באשעפער, טוסטו דערמיט מקיים זיין די מצוה פון ליב האבן דיין באשעפער אלע טעג פון דיין לעבן.

## ארויפקריכן אויף דיין יצר

אלזא, ס'איז דא נאך א פרט צו די מצוה פון ליב האבן דעם באשעפער מיט דיין יצר הרע פון וואס איך וויל רעדן. בכל לבבך מיינט אויך, צו נעמען די אלע מידות וואס דער יצר הרע ניצט צו אנזייען פראבלעמען, און עס ניצן אויף א וועג צו דינען דעם באשעפער. דאס ווארט "ליבשאפט" רעכנט דאס אריין - צו נעמען אלעס וואס דו פארמאגסט און עס מאכן געאייגנט צום ציל פון דיין ליבע.

מיר וועלן געבן א ביישפיל; אויף כבוד שטייט, "דאס גלוסטעניש צו כבוד קען ארויסנעמען א מענטש פון די וועלט" (אבות ד:כא). צו אונז זעט עס אויס אז '**הרודף אחר הכבוד**' באדייט א נידריגער מענטש. וואס קען זיין נידריגער ווי א מענטש וואס זוכט שטענדיג כבוד? מיר קוקן אים אראפ אלס א מענטש וואס איז איבערגעוועלטיגט דורך זיין יצר הרע. אבער אייגנטליך קען דער יצר הרע פאר כבוד גוט צוניץ קומען. מיר וועלן אצינד זען אז דו קענסט ארויפקריכן אויפ'ן לייטער פון אהבת ה' מיט דיין גלוסטעניש צו כבוד.

## געפירט דורך דעם פערד

אלזא, לאמיר זיין אויפריכטיג איינער מיט'ן צווייטן - כבוד איז די זיסטע זאך פאר מענטשן. מיר ווילן האבן כבוד מער ווי סיי וואס, דאס איז דער אמת. פארוואס ווערן מענטשן למדנים? צווישן מיר און דיר, זיי טוען עס נישט לשם שמים. איך קריטיקיר זיי נישט דערפאר, דרך אגב. די גמרא זאגט (פסחים נ:), **לְעוֹלָם יַעֲסֹק אָדָם בַּתּוֹרָה וּמִצְוֹת שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ** - עס איז כדאי אלעמאל אז א מענטש זאל הארעווען אין תורה און אין מצוות שלא לשמה, **שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ** - ווייל דורך שלא לשמה וועט ער צוקומען צו לשמה. זייער פיל מענטשן וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט אין לערנען האבן דאס נישט געטון לשם שמים. כבוד איז וואס האט זיי געשטופט דערצו.

איר ווייסט, עס איז זייער שווער צו לערנען. ס'איז שווער צו ווערן א למדן; ס'איז ווי צו שטופן א שווערער וואגן ארויף א בארג. אבער לאמיר זאגן דו טרעפסט א שיינער שטארקער פערד וואס איז גרייט ארויפצושלעפן דיין וואגן ארויף דעם בארג און דער פערד'ס נאמען איז 'כבוד'? איז שפאן איין דעם וואגן צו דעם פערד און לאז אים עס מיטשלעפן מיט דיר! דו ניצסט דיין יצר הרע צו ארויפקריכן דעם בארג פון אהבת ה'!

דערנאך, ווען דו קומסט אן צום שפיץ פונעם בארג קוקסטו אראפ און דו זאגסט, "איך דארף האבן א פערד? איך קען עס אויך טון לשם שמים." און צוביסלעך קומט דער לשם שמים אריין אין דיר. אה - דאס איז לשמה. אצינד לערנסטו תורה ווייל דו האסט ליב דעם באשעפער! אבער דו ביסט אנגעקומען אהין מיט דיין יצר הרע!

נישט נאר ביים לערנען. מיט דיין שטרעבונג נאך כבוד קענסטו אויפטון פיל זאכן. דו קענסט ווערן א בעל מידות, א גוטער מאן, א גוטער שכן. דו קענסט דאווענען בעסער און טון מצוות אויפ'ן בעסטן אופן וואס מעגליך. דו וועסט קונה זיין א כתר שם טוב, זייער א גוטער נאמען פאר זיך. איינמאל א מענטש פארשטייט ווי אזוי צו ניצן זיין יצר הרע מיט אים צו דינען דעם באשעפער, ווערט זיין גאנצע לעבן איבערגעטוישט.

## א צוגאנג פון קעגנערשאפט

נאך א ביישפיל. יעדער האט אין זיך אן אינסטינקט צו זיין א קעגנער. דער יצר הרע זיך צו קעגנשטעלן שפרודלט אין הארץ פון יעדן מענטש. זיך קעגנשטעלן צו וואס? נישט קיין חילוק - עפעס טרעפט מען שוין. דאס איז פארוואס דער היינטיגער יוגנט טוט רעוואלטירן. נישט קיין חילוק וואס די רעגירונג איז, דער יוגנט רעוואלטירט. ס'איז א זינלאזער פארעם פון ניהיליזם, אלעס צענישט מאכן - "אראפ מיט די פירערשאפט!" ס'איז נישטא קיין לאגיק דערצו - בלויז צו איבערדרייען דאס געזעלשאפט.

דאס איז פארוואס עס האט פאסירט דער טויש פון אמאל, ווען א מענטש האט געדארפט זיין זעקס פיס הויך צו קוואליפיצירן צו ווערן ארייגענומען אין די פאליצײ שטאב; ווען איך בין געווען א אינגל, אויב האט מען געזען א פאליציי מאן האט מען געהאט שעצונג צו אים! אבער היינט האבן די קעגנערס געמאכט אן איבערקערעניש און אצינד, אז דו שפאצירסט אויף די גאס קענסטו זען א מיידל, א קליינע כינעזישע מיידל, טראגט א פאליציי טראגע! וואספארא סארט שעצונג קען מען שוין האבן? דו וועסט מורא האבן פאר איר?! דאס איז זינלאז!

איך שפאציר אראפ אויף די גאס פון קינגס הייוועי, און אט איז א פאליציי מאן פון זעקס פיס הויעך, און נעבן אים שטייט א קליינטשיגער פאליציי מאן וואס קומט אים אן ביז אינמיטן זיין בויך! און א קליינע מיידל - ס'זעט אויס ווי זי שפילט פארשטעלעכץ - באקומט די זעלבע געהאלט ווי דער גרויסער שטארקער זעקס פיס הויכער פאליציי מאן פלעגט באקומען; אפילו מער! דאס איז א ליבעראלער שוי-שפיל וואס קאסט אונז געלט פאר גארנישט. אבער עס מאכט נישט אויס; די רשעים זענען איבערגעוועלטיגט געווארן דורך זייער יצר הרע צו זיין קעגנערס, צו זיין אנדערש און גיין קעגן דעם שטראם.

## קעגנערישע אידן

אלזא, ווען איר זעט אזא זאך, אזא זינלאזער וועג פון לעבן, וואס דארפן מיר טראכטן? עס דערמאנט אונז אז יעדער האט אין זיך אזא קעגנערישער אינסטינקט! נישט נאר די ליבעראלן - מיר האבן אויך דעם יצר הרע. און בכל לבבך מיינט אז מיר דארפן ליב האבן דעם באשעפער דורך ניצן דעם קעגנערישקייט פאר זיינעט וועגן.

דער איד זאגט, "איך וועל אויך זיין א קעגנער! איך וועל זיין אנדערש! איך וועל זיך נישט אונטערגעבן צו די מערהייט מיינונגען פון די גוים! איך וועל זיין אן עקשן; מיר זענען אן עם קשי עורף." און אזוי, דער איד וואס האט ליב דעם באשעפער פארברענגט אלע זיינע טעג אין אויפבויען מויערן און באפעסטיגונגען קעגן די דרויסנדיגע וועלט. ער וועט זיך קליידן מיט אידישע מלבושים וואס מאכן אים אויסזען אנדערש און ער איז שטאלץ דערמיט! ער איז א קעגנער; ער שטייט אויף קעגן די וועלט!

דאס איז פארוואס ארטאדאקסישע אידן גייען נישט צו קיין טענץ. דאס איז פארוואס זיי גייען נישט צו קיין מאוויס און דאס איז פארוואס זיי זענען קעגן טעלעוויזיע. דער ערליכער איד איז אלעמאל געשטאנען שטארק קעגן דעם פלייץ פון זינד - קיין שום פאלק אין די וועלט איז נישט געווען אזוי לויטער, אזוי זעלבסט-קאנטראלירט ווי דאס אידישע פאלק! און א גרויסן טייל דערפון איז צוליב זייער ליבשאפט צום באשעפער; און טייל פון די ליבשאפט ווערט אויסגעדריקט דורך ניצן דעם יצר הרע פון קעגנערשאפט.

## ליבליכע אויפרעגונג און שנאה

מען קען זען פיל מאל אז שטילע מענטשן שטעלן זיך ארויס קעגן א פירצה און ניצן זייער מידה פון כעס צו אויפשטיין פאר דעם באשעפער'ס כבוד! ווי אזוי באווייזן זיי דאס? ווייל די ליבשאפט צום באשעפער פלאקערט אויף זייערע הערצער און זיי קענען ניצן זייער יצר הרע צו טון גרויסע מעשים! איינער וואס האט ליב דעם באשעפער דולדעט נישט קיין זינדיגע מעשים.

דאס איז דער געוואלדיגער ענין פון **אֹהֲבֵי ה׳ שִׂנְאוּ רָע** - ווער עס האט ליב דעם באשעפער האט פיינט שלעכטס (תהלים צז:י). אלזא, איך פארשטיי אז היינט, איז עס נישט אין די מאדע פיינט צו האבן - דאס ווארט 'פיינטשאפט' איז מער נישט א כשר'ע ווארט... מען טאר נישט פיינט האבן מערדער אדער קרימינאלן. אודאי, איך וויל נישט זאגן נאך א ווארט, א מיאוס'ע ווארט, אבער יעדער קען די מיאוס'ע ווארט, מען טאר זיי אויך נישט פיינט האבן.

דער אמת איז טאקע אז פיינטשאפט איז א נידריגע מידה. מענטשן וואס האבן פיינט זייערע שוויגערס אדער זייערע שכנים זענען דורכפעלער, נישטא קיין ספק אין דעם. אבער אזוי ווי מיט יעדן יצר הרע, מוזן מיר ניצן די פיינטשאפט אויף גוטע צוועקן, פאר די ליבשאפט צום באשעפער. בכל לבבך מיינט אז מיר אנערקענען דעם יצר הרע, די דאזיגע מידה פון שלעכטע נייגונג און מיר מאכן נוצן דערפון צו אויסדריקן אונזער ליבשאפט צום באשעפער. מיר האבן דיר ליב באשעפער, דערפאר האבן מיר פיינט אוממאראלישקייט! אויסדריקליך! מיר האבן פיינט אפיקורסות! אויב האסטו ליב דעם באשעפער דאן האסטו פיינט אפיקורסות, אויסדריקליך!

מיר האבן פיינט מערדער! מיר וואלטן געוואלט אז אלע מערדער זאלן באשטראפט ווערן מיט דעם עלעקטריק בענקל. זעט וואס פאסירט היינט ווען זיי האבן אויפגעהערט צו פיינט האבן די מערדער. אמעריקע איז געווארן א פלאץ וואו מערדעריי ווערט אויסגעפירט מער ווי אין סיי וועלכע אנדערע לאנד. א לאנד וואס דארף צו הייסן אזויפיל מער פארגעשריטן אין ציוויליזאציע קען זיך נישט קיין עצה געבן צו קאנטראלירן די עפידעמיע פון מערדעריי. א זייער קראנקער מענטש, קאומא, איינער פון די ערגסטע חולי הנפש, האט געזאגט, "עס איז א בארבאריזם צו הרג'ענען מערדער." ער אליין איז אן אמת'ער רוצח. דאס איז וואס פאסירט ווען דער יצר הרע האט קאנטראל!

אבער מיר קאנטראלירן דעם יצר הרע און מיר האבן פיינט די וועלכע דער באשעפער האט פיינט.

## דער וואלקאן אין דיר

גוט, איך וואלט געוואלט רעדן צו אייך מער איבער די נושא, אבער יעצט איז שוין נישטא די צייט דערפאר. ס'איז א ברייטע נושא און איך האב נישט די צייט עס דורכצוטון. אבער די אונטערשטע שורה איז, מיר קענען אלע אויספירן די מצוה פון אהבת ה׳. ס'ליגט אינעווייניג אין אונז. ווי פיל איז דא? א געוואלדיגע פייער! איר ווייסט, אינעווייניג אין די ערד ברענט א גרויסע פייער. צומאל קען מען עס זען ווען עס פלאצט אויף אין א וואלקאן. מיר ווערן דאן ערשטוינט; אזויפיל היץ, אזויפיל פלאמען, אזויפיל ענערגיע ליגט באהאלטן אין די ערד.

אין יעדן איד טוט זיך א וואלקאן. ס'איז דא א פייער פון אהבת ה׳. נישטא קיין ספק אין דעם. אבער עס קען ווערן פארשפארט אויף אייביג; א רחמנות. אונזער פליכט איז עס ארויסצוברענגען. און עס איז מעגליך, נישטא קיין ספק אין דעם - עס זענען דא אסאך וועגן ווי אזוי עס קען אויפפלאצן! אבער איינע פון די וויכטיגסטע איז דורך ניצן דעם סוד וואס אונזערע חכמים האבן אנטפלעקט אין דאס ווארט **לְבָבְךָ**.

ווען מיר מאכן נוצן פון אונזער יצר טוב און יצר הרע אין די אופנים וואס מיר האבן דא ארומגערעדט - און מיר טוען עס מיט די כוונה אויסצודריקן אונזער ליבשאפט צום באשעפער - דאס איז איינע פון די וועגן ארויסצוברענגען דעם גרויסן פייער, די "מאכטפולע און פייערדיגע ליבשאפט" פון וואס דער רמב"ם רעדט. און ווי א גרעסערע עבודה מיר וועלן אינוועסטירן דערין, אלץ נענטער וועלן מיר קומען צום שפיץ פונעם בארג פון אהבת ה', וואו א מענטש זעט אז **נַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְּאַהֲבַת ה'** - זיין זעל איז שטענדיג אנגעקניפט מיט ליבשאפט צום באשעפער (רמב"ם שם).

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**וואס זאגט איר איבער א מענטש וואס פארט אויף א נסיעה פאר אפרוה?**

**תשובה:**

עס ווענדט זיך וואס איר מיינט מיט א נסיעה. אויב ווילט איר מאכן א נסיעה אראפ די גאס פון 'אושען פארקוועי', האלט איך זייער דערפון. ס'איז פרישע לופט, ס'איז איבונגען, און איר פארפאטשקעט נישט קיין געלט. אבער א נסיעה מיט אן אוטאמאביל; אן ערעפלאן אדער סיי וואס עס איז, דאס איז נישט דערפרישנד.

למעשה, צומאל איז א מענטש אזוי צעמישט אין זיין מח, אז ער דארף טון אלעס צו קענען אוועקנעמען זיינע געדאנקען פון זיינע פראבלעמען. דערפאר זאג איך גארנישט איבער דעם. אבער געווענליך גייט מען נישט אויף קיין נסיעות פאר אפרו. נסיעות מאכן אויסגעמוטשעט און מ'באקומט נישט די פארלאנגטע איבונגען און פרישע לופט וואס העלפן א מענטש צוריקקומען צו נארמאל. און דערפאר איז עס א הונדערט פראצענטיגע שאד אויף די געלט.

אלזא, אויב ווילט איר זיך באמת אפרוען דאן וועט איר זיך ארויסלאזן ווי א טוריסט אויף די גאסן - בייטאג, נישט ביינאכט - שפאנען מיילן און מיילן און דערנאך אהיימקומען און עסן א פיינע מאלצייט און גיין שלאפן. און אויב עס איז אייך וויכטיג, וועט איר נאכאמאל ארויסגיין אויף א שפאציר, אויב זענט איר אזוי ערנסט דערביי.

אבער צו ארומפארן, דאס איז נישט דער ענטפער אויף דעם פארלאנג פון אפרו. מענטשן פארן אהין און צוריק; זיי גייען קיין ארץ ישראל און קיין פלארידע, און טייל גייען אויך קיין שווייץ. און דאס גאנצע וואס זיי טוען איז אויסגעבן געלט און ווערן מער און מער מיד, אזוי אז ווען זיי קומען אהיים דארפן זיי א וואקאציע.